d06d171



# לאנדסמאנשאפט דעפארטמענט.

## גענעראל זיצונג פון עקזעקוטיוו קאמיטע.

## 5טן סעפטעמבער, 1929.

אנוועזענדע: ה. ב. אבערמאן, ל. ב. בודין, דר. ב. דובאווסקי, מ. זוסמאן, ג. זיבערט, ה. כהן, מ. עדלין, דר. א. קאראלניק, א. רעוואוצקי, ה. ראטענבערג, פרס. פ. שלוגער, מר. פאלין.

די איבעריגע מיטגלידער האבן באריכטעט זייער נישט קומען.

### טאג ארדנונג.

1. באריכט.
2. אויפרוף.
3. וו"טערדיגע טעטיק"ט.
4. פארשידענס.

דער מיטינג ווערט געעפענט פון טשערמאן מר. ל. ב. בודין.

מר. זיבערט גיט אפ אן אויספירליכן באריכט וועגן דער טעטיק"ט פון דעפארטמענט פאר די לעצטע זעקס וואכן.

ער באטאנט קודם כל מיט דאנקבארק"ט, אז דער סאב-קאמיטע, וועלכער איז באשטימט געווארן אנצופירן מיט דער לאנדסמאנשאפט ארב"ט אין דער צ"ט פון די זומערדיגע וואכן, האט געארב"ט זייער טעטיק און אין דעם ענגסטן קאנטאקט מיט דעם אפיס.

נאך דער זומער צ"ט איז אר"נגעפירט געווארן א סדר אין דעם סיסטעמאטיזירן דעם גאנצן מאטעריאל וועגן די לאנדסמאנשאפטן, וועלכע עס פארמאגט דער אפיס.

דער מאטעריאל באשט"ט פון אלערל"י אינפארמאציעס וועגן אן ערך 70 לאנדסמאנשאפטן, פון ז" איז דער אפיס שוין דירעקט פארבונדן מיט 25 לאנדסמאנשאפטן.

מר. זיבערט באריכטעט וועגן דער דורכגעפירטער ארב"ט אין פאלגענדע לאנדסמאנשאפטן:

<u>שצעדרין</u>.- די טעטיק"ט לגבי דער ניו יארקער לאנדסמאנשאפט פאר שצעדרין איז פאלשטענדיג פארענדיגט. ז" האבן שוין איבערגעשיקט דורך דעם דעפארטמענט אלע אנגעמערקטע מאשינעס אויף דער סומע $1,600. די ארב"ט פאר שצעדרין (בויען א קראכמאל פאבריק) קען איצט געפירט ווערן נאר אין די פראווינץ

שטעט, ווייל די נ"י יארקער לאנדסמאנשאפט האט שוין אויסגעשעפט אלע איר מעג-ליכקייטן.

<u>עליסאוועטגראד</u>.-- עס גייט אן אקטיווע טעטיקייט אין ענגסטן קאנטאקט מיט דעם דעפארטמענט. געשאפן א ספעציעלער „ארט"-קאמיטעט און דער דר"ו ווערט שוין דורכגעפירט.

<u>פראסקוראוו</u>.- די ארבייט אין דער לאנדסמאנשאפט האט אנגענומען א ברייטן פארנעם. אונטער דער לייטונג און מיט דער הילף פון דעפארטמענט ווערט אויך דארט דורכגעפירט דער דר"ו פון א ספעציעלן ארט-קאמיטעט.

<u>סמעלא</u>.- דער דעפארטמענט האט אנגעקניפט דעם ענגסטן קאנטאקט מיט דער לאנדסמאנשאפט. עס איז אויך דארט געשאפן געווארן א ספעציעלער ארט-קאמיטעט, וועלכער איז שוין צוגעטראטן צום דר"ו.

<u>בעלאצערקאוו</u>.- פאראן שוין צו דער דיספאזיציע פון דעפארטמענט אן ערך $2,300. די ארבייט פארן שאפן די ווייטערדיקע סומען ווערט געפירט אונטער דער לייטונג פון דעפארטמענט.

אחוץ די דערמאנטע לאנדסמאנשאפטן, וועלכע פירן זייער טעטיקייט אונטער דער דירעקטער לייטונג פון דעפארטמענט, איז דער אפיס איצט פארבונדן מיט פאלגענדע לאנדסמאנשאפטן: לאדז, וולאצלאוועק, ביאליסטאק, ווארשע, זלאטאפאל, מאהילעוו, לעטיטשעוו, טאראשטשא, שעפעטאווקא, גאמאילעיסק, ניקאלאיעוו, מאסלאווסאל, גארנאסטייפאל, זוויהיל, טאלנע, לאבון, קוזשניצא, אסטראפאל, ראדאמיסל, מטארא-בינא, ברוסילאוו און אנדערע.

מיט א געוויסן טייל פון די דערמאנטע לאנדסמאנשאפטן איז דער אפיס פארבונדן נאר שריפטליך, ווייל די לאנדסמאנשאפטן געפינען זיך אין פראווינץ שטעט, ווי פילאדעלפיא, שיקאגא, קליוולאנד, פיטסבורג, לאס אנדזשעלעס, טאראנטא, א.א.וו.

די טעטיקייט צווישן באברויסקער, מינסקער און טשאגאנער לאנדסמאנשאפטן פארנעמט זיך פארלויפיק מר. וולאדעק, וועלכער האט דארט אנגעהויבן די ארבייט. אין דער נאענטער צייט וועט ווארשיינליך די טעטיקייט צווישן די דערמאנטע לאנדסמאנשאפטן געפירט ווערן אויך פון אונזער דעפארטמענט.

דורך די זומער מאנאטן איז דורכגעפירט געווארן א ברייטע פראפאגאנדא ארבייט, ספעציעל דורך דער אידישער און ענגלישער פרעסע איבערן גאנצן לאנד.

עס זיינען אויך פארגעקומען פיל מיטינגען פון די לאנדסמאנשאפטן, אויף וועלכע פארשטייער פון דעפארטמענט זיינען ארויסגעטראטן מיט אויספירלעכע רעדעס

וועגן „ארט" און ספעציעל וועגן דער איצטיגער לאנדסמאנשאפט ארב"ט פון „ארט".

דער באריכט אפגעבער באטאנט, אז די צוויי חדשים ארב"ט פון דעם דעפארט-מענט האבן באוויזן, אז אויך עטליכע גוט ארגאניזירטע לאנדסמאנשאפטן, איז די אקטיוויטעט פון דער מערה"ט רעליעף קאמיטעטן זעהר א שוואכע און ניט סיסטע-מאטיש. ווילענדיג דעריבער ווי געהעריג אוועקשטעלן די לאנדסמאנשאפט ארב"ט ב"ם „ארט", מוז מען קודם כל צוהעלפן און ארגאניזירן די לאנדסמאנשאפטן גופא, וואס עס פאדערט זעלבסטפארשטענדליך א גרויסע אנשטרענגונג פון כחות אין אלע הינזיכטן.

פאר דעם קומענדיגן הערבסט סעזאן ל"גט פאר מר. זיבערט פאלגענדעס:

1) פארשטארקן אין ניו יארק די ארב"ט צווישן די לאנדסמאנשאפטן מיט וועלכע דער דעפארטמענט ש"ט שוין אין א קאנטאקט. אנקניפן באציהונגען מיט א ר"י נ"ע לאנדסמאנשאפטן.

2) פארשטארקן די פובליסיטי און פראפאגאנדע ארב"ט.

3) באזוכן אין משך פון אקטאבער א ר"י שטעט ווי פילאדעלפיא, פיטסבורג, קליוולאנד, דעטראיט און שיקאגא, כדי צו קומען אין אפערזענליכן קאנטאקט מיט די לאנדסמאנשאפטן אין וועלכע עס ווערט שוין אנגעפירט אן ארב"ט, ווי פראסקוראווער, עליסאוועטגראדער, סמעלער און אנדערע און פארבינדן זיך מיט אלע אנדערע לאנדס-מאנשאפטן אין די דערמאנטע פונקטן.

4) ארויסגעבן אן אויפרוף וועלכע דארף פונאנדערגעשיקט ווערן צו אלע לאנדס-מאנשאפטן, קאנגרעגיישאנס, ברענטשעס פון פארשידענע אידישע ארגאניזאציעס א.א.וו. אין די פאראייניגטע שטאאטן און קאנאדע.

זיבערט פארענדיגט זיין באריכט דערמיט וואס ער ווייזט אן, אז צוליב די טראגישע געשעהענישן אין פאלעסטינע, וועט די ארב"ט פון דעפארטמענט איצט ווארשיינליך אביסל ליידן, אבער עס דארפן אנגענומען ווערן אלע מעגליכע מיטלען און שריט, אז די טעטיקייט זאל ~~ד~~ [illegible] אנגעפירט ווערן זעהר אקטיוו. ער דריקט דעריבער אויס זיין זיכערקייט, אז, פונקט ווי ביז איצט, וועלן אויך ווייטער אלע מיטגלידער פון קאמיטעט אקטיוו צוהעלפן אין דער ארב"ט פון ארט.

מר. זיבערט ל"ענט איבער א פראיעקט פון דעם אויפרוף.

ארום דעם באריכט אנטוויקלט זיך א לעבעדיגע דיסקוסיע אין וועלכער עס באטייליגן זיך מר. אבערמאן, מר. בודין, דר. דובאווסקי, מר. זוסמאן, מר. עדלין, דר. קאראלניק, מר. רעוואוצקי און מרס. שלוגער.

די דיסקוסיע האט זיך געפירט ארום פאלגענדע פראגן:

1) דער אינהאלט פון אויפרוף.

2) דער באזוך איבער דער פראווינץ.

3) די פארמען פון דער ווייטערדיגער טעטיקייט.

עס זיינען אנגענומען געווארן פאלגענדע באשלוסן:

1) באשטימט א רעדאקציע קאמיסיע פון מר. עדלין און מר. רעמאוצקי און דעם פערוואלטער, כדי ענדגילטיק צו רעדאגירן דעם טעקסט פון אויפרוף.

2) פארשטארקן די אקטיוויטעט אין ניו יארק. דערצו איז באשטימט געווארן א ספעציעלער קאמיטעט פון מרס. שלוגער, מר. זוסמאן, מר. ראטענבערג, דר. ליפאט, לואיס מייערס.

3) אפשטעלן די טעטיקייט פון צייטווייליגן קאמיטעט, וועלכער איז אויסגעטיילט געווארן פאר די זומער מאנאטן און איבערגעבן דאס אנפירן די ווייטערדיגע ארבייט אין די הענט פון פרעזידיום.

4) באשטעטיגן דעם פארשלאג פון פערוואלטער וועגן באזוכן אין אקטאבער עט-ליכע פראווינץ שטעט אין אמעריקע. די איינצעלהייטן וועגן דעם באזוך דארפן אויס-געארבייט ווערן דורך דעם פרעזידיום צוזאמען מיט דעם פערוואלטער.

צום סוף פון דער זיצונג ווערט דר. טשארלס ליפאט קאאפטירט אלס מיטגליד פון קאמיטעט.

דער מיטינג ווערט דאן געשלאסן.